# פרשת וישב י"ז – כ"ג כסלו תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אהרן שלמה ווייגנארטען** ני"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לכבוד שמחת האירוסין של בן הר"ר **מנחם ליכטער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק רייכמאן** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת זאפיר הי"ו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם זאב זאפיר** ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ח סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז יעקב אבינו האט געשיקט שלוחים צו עשו, עם לבן גרתי ואחר עד עתה, ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה, ואשלחה להגיד לאדוני למצוא חן בעיניך (בראשית לב-ה). די פשוטע פשט טייטשט רש"י, אז דער טאטע האט מיך געבענטשט מטל השמים ומשמני הארץ, און איך האב נישט, נישט מטל השמים און נישט משמני הארץ. איך האב שור וחמור צאן ועבד, אבער נישט וואס דער טאטע האט מיר געבענטשט. אין מדרש (ב"ר עה-יב) שטייט, אז ער האט אויסגערעכנט זיינע זכותים וואס ער האט, ויהי לי שור, איך האב א זון יוסף וואס איז אזוי ווי א שור, בכור שורו הדר לו (דברים לג-יז), וחמור, איך האב א זון יששכר, דער עמוד התורה, יששכר חמור גרם (בראשית מט-יד), ער האט אויסגערעכנט זיינע זכותים וואס זאלן אים ביישטיין אקעגן עשו. אין מדרש (שם עה-יג) שטייט, אז ער האט מתפלל געווען פאר אלע דורות שפעטער, ווען מען וועט האבן צו טון מיט עשו, זאל דער אייבערשטער רעכענען די זכותים וואס ער האט אויסגערעכנט. דער מדרש (שם עה-ו) רעכנט אויס צווישן די זכותים, אז חמור האט ער מרמז געווען אויף מלך המשיח, וואס ער איז א עני ורוכב על חמור (זכריה ט-ו).

**עס** קען זיין אז דער הסבר דערפון איז, אין די גמרא (מגילה יז:) שטייט א טעם אויף די אכצן ברכות פון די שמונה עשרה, פארוואס עס איז אויסגעשטעלט אויף דעם סדר. עס איז דא א ערשטע ברכה און א צווייטע ברכה, עס איז נישט פונקט, אז מען דארף זאגען אכצן ברכות האט מען עס אזוי אויסגעשטעלט, נאר יעדע ברכה האט א טעם פארוואס דאס איז די פינפטע ברכה, און דאס איז די זעקסטע, און אזוי ווייטער. די גמרא שטעלט זיך, פארוואס תקע בשופר גדול, די ערשטע ברכה וואס מען בעהט אויף די גאולה, איז נאך די ברכה פון ברך עלינו את השנה הזאת, דער באשעפער זאל בענטשען דאס יאר, וברך שנתנו כשנים הטובות, עס זאל זיין גוטע יארן, די פירות זאלן זיין ווי עס דארף צו זיין, ברוך אתה ה' מברך השנים, נאכדעם הייבט מען אן תקע בשופר גדול. זאגט די גמרא, ווייל דער נביא זאגט (יחזקאל לו-ח), אז פאר משיח וועט קומען, וועט זיין א ברכה אין די פירות. איז ממילא אז מען וויל בעטן אויף די גאולה, בעהט מען קודם אז דער אייבערשטער זאל בענטשען אז דאס יאר זאל זיין מיט א ברכה, אזוי ווי דער נביא האט געזאגט, אז עס וועט זיין א ברכה אינעם יאר. און נאכדעם איז מען מתפלל אויף די גאולה.

**עס** דארף אבער האבן א הסבר, פארוואס דארף זיין א ברכה אין די פירות, פאר די גאולה. פארוואס דארף זיין א גוט יאר אין גשמיות, און נאכדעם וועט זיין די גאולה. נאכדעם איז שווער, פארוואס בעהט מען קודם אויף גשמיות, און נאכדעם בעהט מען אויף די גאולה, די עיקר פון די תפלות פון א יוד דארף זיין אויף די גאולה העתידה, אז די שכינה זאל אויסגעלייזט ווערן, שכינתא בגלותא. און אונז בעהט מיר קודם אלע אונזערע בקשות, ראה נא בענינו וגאלנו גאולה שלימה, דער באשעפער זאל אונז אויסלייזען פון אונזערע צרות, וואס רש"י זאגט, אז דאס גייט נישט ארויף אויף די גאולה העתידה, נאר אויף יעדען מענטש זיינע אייגענע פראבלעמען. מען איז מתפלל רפאנו, דער באשעפער זאל אונז

היילען,ברך עלינו, און נאכדעם הייבט מען אן א רייע פון ברכות אויף די גאולה. פארוואס איז עס אזוי.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, **יעדער יוד דארף משתוקק זיין צו די גאולה. אין רמב"ם** (הל' מלכים יא-א) **שטייט, אז עס איז נישט גענוג אז א מענטש גלייבט אין ביאת המשיח, אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח, נאר ער דארף אויך זיין מחכה לביאתו, ער דארף ווארטען און האפן אויף ביאת המשיח. עס איז נישט גענוג אז ער גלייבט אז עס וועט קומען ווען עס וועט קומען, אבער ער בענקט זיך נישט דערויף, נאר ער דארף זיין מחכה לביאתו, ארויסווארטען דערויף. דער רמב"ם זאגט, אז ווען איינער איז נישט מחכה לביאתו, איז ער א כופר בתורת משה.**

**ווען** עס גייט נישט גוט פאר א מענטש, און ער האפט אויף די גאולה, איז דאך דאס א נארמאלע זאך. ווען א מענטש איז אויף צרות, זאגט ער, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין די גאולה שלימה, און מען וועט אויסגעלייזט ווערן, און פטור ווערן פון אלע צרות. דעמאלטס איז נישט קיין חשיבות, דאס וואס ער איז מחכה אויף די גאולה, ווייל ער וועט דאך פטור ווערן פון זיינע פראבלעמען. די וועלט זאגט נאך, אז עס איז געווען אמאל צוויי יודען עשירים, וואס האבן געליגען געלט איינער פארן צווייטען, אין די געשעפטן, וואס עס האט אויסגעפעלט. אמאל האט ראובן געבעטן פון שמעון, איך דארף האבן א הלוואה פון כך וכך. האט ער אים געזאגט, פיין, קום אריבער וועל איך דיר געבן. מען זיצט אזוי ביים טיש, און מען איז מסדר די הלוואה, אינמיטן רופט זיך אן דער ראובן, אוי רבונו של עולם, משיח זאל שוין קומען. זאגט אים דער חבר, איך בארג דיר נישט! אז דו רעדסט פון געלט, און אינמיטן רעדסטו אז משיח זאל קומען, איז א סימן אז דיין ביזנעס איז נישט יעצט ווי עס דארף צו זיין. איך געטרוי דיך שוין נישט צו בארגען. – אז מען רעדט פון משיח, איז דער טייטש אז עפעס איז צרות, און מען רעדט שוין פון ביאת משיח, ליידער. **מען דארף ווארטען אויף די גאולה, אפילו עס גייט אלעס גוט, עס פעלט גארנישט, מען האט אלעס וואס מען דארף צו האבן, דארף מען אויך ווארטען אויף די גאולה. נישט פאר די אייגענע טובה, נאר והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, יכירו וידעו כל באי עולם, יעדער זאל אנערקענען דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען.** אפילו עס גייט גוט פאר א מענטש, דארף ער אויך מתפלל זיין, און מחכה זיין אויף די גאולה.

**די** וועלט פארציילט, אז דער הייליגער **מאור עינים זי"ע** איז אמאל געווען אונטערוועגענס אין א קרעטשמע, און ביינאכט האט ער אפגעראכטען חצות, און ער האט געוויינט אויף די גאולה. דער קרעטשמער איז געווען א פשוטער מענטש, א עם הארץ, און ער האט געהערט פונעם רבי'ס שטוב, אז דער רבי וויינט, גייט ער אריין, און ער פרעגט דעם רבי'ן, וואס ער קען העלפן. זאגט דער מאור עינים, אז ער איז מתפלל אויף ביאת המשיח. פרעגט ער, וואס איז דאס ביאת המשיח. זאגט ער אים, אז משיח וועט קומען, און ער וועט אויסלייזן אלע יודען, און ער וועט צוזאמנעמען יעדן איינעם און ארויפטראגען קיין ארץ ישראל. און ער בעט, אז דער אייבערשטער זאל שוין שיקן משיח. גייט ער אריין צו זיין ווייב, און ער זאגט איר, אז ער האט געטראפן דעם רבי'ן, ווי ער זיצט און וויינט אז משיח זאל קומען און אויסלייזן יודען, און ער וועט אונז אלע ארויפטראגען קיין ארץ ישראל. זאגט זי, וואס וועט זיין? מיר וועלן גיין קיין ארץ ישראל, און איבערלאזן דא די קרעטשמע מיט די הינדלעך, מיט די פעלדער וואס מיר האבן, און מיר וועלן גיין קיין ארץ ישראל ליידיג, מיר וועלן גארנישט האבן. ער זאל אריינגיין צום רבי'ן, און זאגן פארן רבי'ן, אז ער זאל נישט בעטן דערויף. איז ער אריינגעגאנגען. זאגט אים דער **מאור עינים**, דו האסט טאקע דא וואס דו דארפסט צו האבן, אבער דו האסט דאך צרות פון די גויים, זיי בעטן אזויפיל שטייער, און וויפיל צרות דער פריץ לייגט ארויף אויף דיר. ווען משיח וועט קומען, און ער וועט אונז אויסלייזן, וועט מען פטור ווערן פון די אלע צרות. גייט ער אריין צום ווייב, און ער זאגט איבער וואס דער רבי האט אים געזאגט. זאגט די ווייב, גיי צום רבי און זאג אים, אז משיח זאל טאקע קומען, און ער זאל צוזאמנעמען אלע גוים, און זיי ארויפטראגען קיין ארץ ישראל, און אונז זאל ער לאזן דא. אונז וועל מיר האבן דא, וואס אונז דארף מיר צו האבן. דאס איז טייטש, אז א מענטש האפט אויף ביאת המשיח, כדי ער זאל פטור ווערן פון די פראבלעמען. און אז עס גייט גוט ב"ה, זאל משיח צוזאמנעמען אלע גוים, און זיי ארויפטראגען קיין

ארץ ישראל, און אונז זאל מיר בלייבען דא, מיט אונזערע געשעפטען.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט דורכן נביא, אז פאר משיח וועט קומען, וועט גיין גוט פאר יודען, עס וועט זיין א שפע פאר יודען, עס וועט זיין וברך שנתנו כשנים הטובות, די פירות וועלן זיין גוט, אלעס וועט זיין גוט. און אז אלעס וועט זיין גוט, קען מען דאך בלייבען דא אויך, ניין, דעמאלטס וועט מען אנהייבן זיך צו בענקען, נאך אלץ ווילן מיר האבן די גאולה. – און מען זעהט עס היינט בחוש, איך מיין אז זייט דעם חורבן פונעם בית המקדש, איז קיינמאל נישט געגאנגען אזוי גוט פאר יודען, ווי עס גייט היינט. דער באשעפער זאל העלפן אז עס זאל קיינמאל נישט פארמינערט ווערן. אלץ איז מען געווען אין גלות, מען איז געווען אונטערדריקט צווישן גוים, און אין יעדן מקום האט מען ארויפגעלייגט שטייער אויף יודען, עס איז נישט געווען קיין איין פלאץ, וואו מען איז געווען פריי דערפון. מען האט געוואוינט אין געטא'ס, מען איז געווען אפגעזונדערט פאר זיך, מען האט נישט געקענט האבן אלעס וואס דער גוי קען האבן. ב"ה מען לעבט היינט אין א מלכות של חסד, יודען דארפען זיך נישט שעמען צווישן די גוים, די גוים זענען אסאך מאל מתפלל, אז זיי זאלן האבן אלעס וואס די יודען האבן. עס איז ב"ה דא א שפע, מען שטייט נאנט פאר די גאולה, און דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן, אז יודען זאלן האבן א שפע אי"ה. דער אייבערשטער וויל, אז אפילו עס וועט ענק גארנישט פעלן דא אין גלות, עטץ וועטס האבן אלעס וואס מען דארף צו האבן, זאלט איר אויך האפן אויף די גאולה. יעצט אז מען בעט אויף די גאולה, בעט מען עס לשם שמים.

**וועגען** דעם בעהט מען נישט סתם תקע בשופר גדול לחרותנו, דער אייבערשטער זאל שיקן די גאולה, ווייל ווען עס גייט נישט גוט, אוודאי בעט מען אויף די גאולה. מיר בעטן פונעם אייבערשטען, קודם ראה בענינו, וגאלנו גאולה שלימה, לייז אונז אויס פון אלע אונזערע פראבלעמען, רפאנו ה' ונרפא, מיר זאלן אלע זיין געזונט, ברך עלינו את השנה הזאת, געב אונז א ברכה אינעם יאר, און נאך דעם אלעם, ווען דו וועסט שוין אלעס געבן, יעצט הייבן מיר אן צו בעטען, פון דעסטוועגען דאך תקע בשופר גדול לחרותנו, השיבה שופטינו כבראשונה. אונז דארף מיר נישט די גאולה כדי עס זאל אונז גוט גיין, מיר דארפן די גאולה אז דער אייבערשטער זאל אויסלייזען כלל ישראל, ווי מען האט פריער גערעדט, והיה ה' למלך.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שרייבט (בדרשות לז' אב שז.) ידבר עמים תחתינו ולאומים תחת רגלינו, יבחר לנו את נחלתינו, את גאון יעקב אשר אהב סלה (תהלים מז-ד). זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז פאר די גאולה וועט דער אייבערשטער העלפן, אז עס וועט זיין ידבר עמים תחתנו, די פעלקער וועלן זיין אונטער אונז, יודען וועלן זיין ברום המעלה. ולאומים תחת רגלנו, די לאומים וועלן זיין אונטער אונזערע פוס, אז מען זאל נישט האבן א סיבה, פארוואס מען זאל זיך בענקען צו די גאולה, מיר האבן אלעס. און פון דעסטוועגען דאך, יבחר לנו את נחלתינו את גאון יעקב אשר אהב סלה, מיר וועלן נישט זיין צופרידן מיט די ידבר עמים תחתינו ולאומים תחת רגלנו, נאר מיר וועלן ווארטען אז דער אייבערשטער זאל אויסלייזען יודישע קינדער.

**יעקב** האט געשיקט זאגן פאר עשו, אז יודען האבן זכותים, זיי זענען מחכה אויף ביאת המשיח. ויהי לי שור וחמור, אונז ווארט מיר אז דער עני ורוכב על החמור, משיח, זאל קומען און אויסלייזען יודישע קינדער, פאר דעם זכות אליין זענען יודען ראוי אז דער אייבערשטער זאל זיי העלפן. ווערסטו מיינען אז יודען ווארטען אויף די גאולה ווייל מען איז אויף צרות, וועגען דעם ווארט מען אויף די גאולה. זאגט מען, ניין, ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה, איך האב שור וחמור און צאן און עבד ושפחה, פון דעסטוועגען דאך ווארט איך אז משיח זאל קומען. און דאס איז די חשיבות פון מחכה זיין אויף ביאת המשיח, ווען עס גייט אלעס גוט, און פון דעסטוועגען דאך ווארט מען אויף די גאולה.

*

אחר מעריב נכנס **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א** חבר ביד"ץ טארטיקוב, להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו ני"ו בשעטומ"צ.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אהרן שלמה ווייגנארטען** הי"ו, שהתקיים באולם בית אסתר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של החתן **שלמה ווייס** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **משה ליזער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם יהושע וואלדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה יצחק פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת וישב</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **שמחה בונם** נ"ו בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי חיים שלמה אדלער שליט"א** ר"י דרכי נועם (בן הגה"צ אב"ד אמרי נועם טאראנטא שליט"א, וחתן הגה"צ דומ"ץ סקולען שליט"א, ונכד כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי מאיר שפיגעל שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מאסטראוו קאלושין שליט"א) שהתקיים בבית המדרש סקולען (וומסב"ג).

*

***<u>יום שלישי פרשת וישב</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **שמחה בונם** נ"ו בן הר"ר **חיים מענדל קיש** נ"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות לפני הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **אברהם הענדלער** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש סאטמאר (ראדני סט.).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ בית שמש שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** איך בין געקומען אלץ הכרת הטוב. עס איז נישט דא קיין וועג וואס איך פאר, וואס איך נעם נישט מיט א שמן ראש.

**רבינו:** יגדיל תורה ויאדיר, עס איז פארדעם געמאכט געווארן, אז יודען זאלן קענען נהנה זיין.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** עס איז דא אסאך ווערטער וואס עס שטייט אן די מקורות, עס שטייט נאר פון ספרים הק'.

**רבינו:** געדענקט מען דען אלעס? מען געדענקט דאך נישט.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** דאס ווארט יקח נא מעט מים (בראשית יח-ד), אז אברהם האט געמאכט ישמעאל פאר א שליח. ווען ער וואלט עס אליין געמאכט, וואלט עס געווען מער א חינוך. האט אויך נישט קיין מקור, עס שטייט נאר שמעתי לפרש[א].

**רבינו:** דאס איז א ליטווישע געדאנק.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** איך שטעל זיך פאר, איך זעה דאך אויף די נוסח.

**רבינו:** איר זענט א בעל שמחה יעצט?

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** איך האט געהאט א בר מצוה פון מיין ערשטען אייניקל. אויך מיין איידעם האט

---

[א] עיין **שמן ראש** (חלק ראשון השלם בראשית דף ריא), וזה לשונו: הנה אברהם אבינו אמר, יקח נא מעט מים ורחצו רגליכם (יח-ד). ובגמרא (בבא מציעא פו:) אמר רב יהודה אמר רב כל מה שעשה אברהם למלאכים בעצמו, עשה הקב"ה לבניו בעצמו, וכל מה שעשה על ידי שליח, עשה הקב"ה לבניו על ידי שליח וכו', יקח נא מעט מים, והכית בצור ויצא ממנו מים (שמות יז-ו) ע"ש. ולכאורה יש להבין למה נענש על מה שעשה על ידי שליח, הלא צוה זאת לישמעאל בנו כדי לחנכו במצות (רש"י יח-ז), ומה עולתה בו שלא עשאו בעצמו. ושמעתי לפרש כי מעשה האב בעצמו הוא חינוך היותר גדול להבן. וכאשר רואה ישמעאל כי זקן בן צ"ט שנה ביום שלישי למילתו מטריח עצמו לכבוד האורחים, הרי זה החינוך היותר גדול להבן, והוי ליה לעשותו בעצמו, וירויח פעמיים, כי מצוה בו יותר מבשלוחו (קידושין מא.), ועוד שיתחנך בזה הבן גם כן ודפח"ח.

געמאכט דעם שבת דא א שמחה. ער איז א זון פון מיין ברודער פון דא (**האדמו"ר מוויזניץ וומסב"ג שליט"א**). - אלע מיינע קינדער, קיין איינס איז נישט ארויסגעפאלען פון די משפחה. אלע זענען דעם זיידען'ס אייניקלעך, עס איז נישט דא קיין איינס וואס איז ארויסגעגאנגען אין א צווייטע משפחה.

**רבינו:** די ברודער, דער וויזניצער רבי פון מאנסי, האט מיר געזאגט, אז ווען ער איז געווען א בחור, האט מען אים אנגעטראגען א שידוך אין די משפחה. און דער זיידע דער **סקווערער רבי זצ"ל** האט אים געזאגט, אז טאמער ער האט מורא פון משפחה, נעמט ער עס אויף זיין אחריות.

**א' מהנוכחים:** איך בין א תלמיד פון **הרב וואזנער זצ"ל**, ווען איך האב געדארפט טון א שידוך מיט מיין זון, האט מען מיר אנגעטראגען מיין ברודערס א טאכטער. האט איך געפרעגט הרב וואזנער וואס ער זאגט וועגן משפחה, וואס איז דער דעת תורה. האט ער מיר געזאגט, דו ווילסט וויסען דעת תורה, דער **רמב"ן** (ויקרא יח-ו) זאגט, אז די אלע עריות וואס די תורה אסר'ט, פארוואס האט עס די תורה געדארפט אסר'ן? ווייל די נארמאלע וועג פון א מענטש, וואלט ער זיך נאר געוואלט משדך זיין מיט זיין משפחה.ביידע האבן די זעלבע געוואוינהייטן, ביידע פארשטייען זיך. נאר די נאנטע עריות וואס די תורה האט גע'אסר'ט, איז דא זיינע סיבות פארוואס די תורה האט עס גע'אסר'ט, אבער זאכן וואס די תורה איז מתיר, האט עס דאך אלע מעלות.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** דאס איז דער פשוט'ער פשט. וואס איז דער ענין פון חתונה האבן מיט בת אחותו (יבמות סב:), ווייל זיי האבן די זעלבע טבעיות (עיין בתוספות שם). עס איז דא וואס האבן געהאלטן נישט אזוי, היינטיגע צייטן וועגן געזונטהייט.

**רבינו:** דארט וואו חז"ל האבן געהייסען, איז שומר מצוה לא ידע דבר רע (קהלת ח-ה).

**א' מהנוכחים: הרב וואזנער זצ"ל** האט מיר געזאגט, אז איך זאל מיך אינטערעסירן וועגן געזונטהייט, צו אין די משפחה איז שוין געווען אזוי.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** עס שטייט אין **צוואת רבי יהודא החסיד** אז מען זאל נישט נעמען בת אחותו, הגם עס איז א מצוה צו נעמען בת אחותו (עיין ברמ"א אבע"ז סימן ב' סעיף ו').

**רבינו:** המקרב את קרוביו (יבמות סב:).

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** עס איז דא א ווארט פונעם **קאזניצער מגיד זי"ע** (בספה"ק **עבודת ישראל** פ' ויצא ד"ה ויגד יעקב לרחל), מסתם איז עס א מדרש, רוב הבנים הולכין אחר אחי האם, ורוב הבנות הולכין אחר אחות האב. עס איז א חידוש (עיין **ברבינו בחיי** פ' תולדות כח-ה, וכ"כ **בתפארת יונתן** פ' ויצא, וע"ע **בשו"ת חתם סופר** אבהע"ז ח"א סימן קי"ג). דער פשוט'ער פשט איז אז מען קען ענדלין צו א מאמע, מען קען דאך אבער נישט וויסען די מאמע'ס נאטורן, איז די ברודער ווייזט וואס די מאמע'ס נאטור איז.

דער **קאשוי'ער רב זצ"ל** איז אמאל געווען ביי מיין טאטן מיט א קוויטל, פאר די ימים טובים. ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער, און אין די קוויטל איז געווען אסאך נעמען פון קינדער און אייניקלעך וואס דארפן שידוכים. זאגט אים דער טאטע אזוי פאר א ווערטל, איר זענט מקפיד אז מען זאל זיך נישט משדך זיין צווישן זיך? רופט זיך אן דער **קאשויער רב**, וואויל אייך **וויזניצער רבי** אז די קינדער ווילן זיך משדך זיין צווישן זיך. דאס איז א עקסטערע זכיה, אז מען וויל זיך משדך זיין צווישן זיך. אסאך מענטשען האבן מורא, אויב עס וועט זיין א פראבלעם, מען וויל זיך נישט צוקריגען צווישן ברודערס און שוועסטער.

**רבינו:** ביי משפחה ווייסט מען דאך אלע חסרונות און פראבלעמען אויך, מען מיינט נאר, אז ערגעץ אנדערש איז עס נישט דא, זוכט מען אין דער פרעמד. נאכדעם ווערט מען געוואר, אז דארט איז דא מער וויפיל עס איז דא אינדערהיים.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** נישט אלע ברודערס לעבן אזוי גוט איינער מיטן צווייטען, אז מען זאל זיך נאך ווילן משדך זיין.

דער **סקווערער זיידע** האט זייער שטארק געשטופט צו נעמען משפחה. ביי מיין זיידען (**האמרי חיים מוויזניץ** זצ"ל) איז אויך אזוי געווען ביי זיין איידעם **רבי יודא'לע** (מדזיקוב זצ"ל). **רבי יודא'לעס** מאמע געווען א שוועסטער פונעם זיידען דער **אמרי חיים**, און ער האט גענומען א טאכטער פונעם **אמרי חיים**. דער חידוש איז, אז זיי האבן זיך גע'גט, און נאכמאל חתונה געהאט.

**רבינו:** מחזיר גרושתו מצוה (עיין **בחינוך** מצוה תק"פ). איך האב געהערט פונעם **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, אז ער האט געהאט אמאל א שווערן זמן, און איינמאל קלאפט אים רבי יודא'לע אויף די טיר, ער קומט אים באזוכן. ער זיצט און שמועסט מיט אים א האלבע שעה, און ער פרעגט אים, פארוואס זענט איר געקומען. זאגט ער, סתם. און ער האט זיך

אויפגעהויבן און אוועקגעגאנגען. עס האט אבער דאך געקוועטשט פארן קאטמונער רב, עפעס האט ער געוואלט. איז ער דעם אנדערן טאג אריבערגעגאנגען צו רבי יודא'לע אינדערהיים, און ער האט אים געזאגט, עפעס האט איר דאך געוואלט. און ער האט אים אזויפיל געמוטשטעט, ביז ער האט אים געזאגט, איך וועל אייך זאגען, איך האב געהערט אז איר גייט אדורך א שווערע צייט, האט איך געוואלט קומען, איר זאלט מיך זעהן, וועט איר געוואר ווערן, אז עס איז דא ערגערס פון אייך אויך.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** די גמרא (נדרים נ.) זאגט אזוי אויף רבי עקיבא, אז אליהו הנביא האט זיך פארשטעלט און געקומען בעטן תבן, אז ער זאל זעהן, אז עס איז דא ערגערס פון אים.

**רבינו:** איך האב אמאל געזאגט אויף די גמרא, אז מען שיקט שוין אליהו, קען מען אים שיקן מיט עפעס געלט, אדער א געלעגער. פארוואס האט ער געדארפט בעטן תבן, כדי רבי עקיבא זאל זעהן אז עס איז דא ערגערס. נאר ווען מען ברענגט אים געלט, האט מען אים געהאלפן יעצט, אויף די שעה וועט ער האבן וואס ער דארף. אבער ווען מען גיט אים אריין אין די מחשבה צו טראכטען, אז עס איז דא ערגערס, וועט עס אים צוניץ קומען אויפן גאנצן לעבן, און דאס איז מער פון א טובה לפי שעה. ער האט אים געוואלט אויסלערנען, ווי אזוי צו טראכטען[ב].

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** די גמרא (כתובות קיא:) זאגט פון רבי יוחנן, טוב המלבין שיניים לחבירו יותר ממשקהו חלב. עס שטייט אין די ראשונים אויפן פלאץ, משקהו חלב ווי לאנג העלפט עס, אויף א טאג צוויי, נאכדעם דארף ער נאך א גלעזל מילך. אבער פון א שמייכעל קען מען האבן חיות יארן און יארן.

**רבינו:** מען זעהט ביי בחורים, אסאך מאל בויהט עס אויף ממש, א גוט ווארט וואס ער האט געהערט. עס גיט אים די מוהט און די חיות אויף ווייטער.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** עס שטייט פון איינע פון די ליטווישע גדולים, אז די גמרא (סוטה מה:) זאגט ביי עגלה ערופה, אז די זקנים האבן געזאגט, ידינו לא שפכו את הדם הזה ועינינו לא ראו (דברים כא-ז). שלא פטרנוהו בלא מזונות, ולא הנחנוהו בלא לויה. רש"י זאגט, וואס עפעס בלא אכילה. ווייל טאמער מען האט אים נישט געגעבן קיין עסן, קען זיין אז אזוי ווי ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, האט ער מלסטים געווען את הבריות, וועגן דעם זאגט מען אז

---

[ב] נעתיק מתוך דברי **רבינו שליט"א** בסעודה שלישית פרשת ויצא תשע"ג לפ"ק: ויש כאן מקום להתבונן בעובדא דרבי עקיבא, ששלחו לו מן השמים את אליהו לנחמם במה ששאל מהם קצת תבן, ולכאורה אם רצו להקל על מצבו של רבי עקיבא, היו צריכין לשלוח עם אליהו מעט כסף שיהיה לו במה לפרנס עצמו מעט, ובזה היה מקיל עליו יותר מהנחמה שהמציא לו בשמיעת העובדא שיש אנשים החיים במצב קשה יותר.

אך יש לומר בזה, כי הן אמת שבמתנת כסף היה עוזר אליהו מצבו של רבי עקיבא, אבל ללמד ולחונן אדם דעת עדיפא הרבה יותר מכסף, שבזה יוכל להשתמש תמיד בכל מצב שיארע לו. והיינו כי הכסף לרבי עקיבא היה לו לעזר רק לפי שעה, ושוב לאחר זמן היה נצרך עוד הפעם לכסף. ואם היה לו קצת הרווחה שוב לאחר זמן יצטרך עוד יותר. וכמו שאומר הכתוב אוהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ה-ט). ומה גם שכסף לא יועיל רק להעלותו מעניותו, אבל הלא על האדם עוברים הרבה מאורעות בחייו, מצבים של דחק וחלישות הדעת, אשר הכסף לא יועיל על זה. ואשתו של רבי עקיבא היתה עומדת לפני פרק שבעלה עוזב אותה לכ"ד שנים ללכת ללמוד תורה ולהשאר אלמנות חיות גלמודה בביתה, אשר הכסף לא יענה ולא יועיל למנוע צער ההוא.

והעצה היעוצה שיוכל אדם לעבור כל המצבים ולחזק רוחו שלא ישבר, הוא בשעה שמרגיל עצמו להסתכל תמיד על מי שיש לו פחות ממנו, אז יודה לה' על טובו שהטיב עמו, שהוא עומד במצב טוב הרבה יותר מאחרים. ומי שאינו בריא ישים מבטו על חולים רבים השוכבים על ערש דוי בבתי חולים בצער ויסורים. וכאשר פרנסתו מצומצמת יסתכל על רבים שאין להם אפילו אפס קצהו ממה שיש לו. וכן הוא בכל עניני צורכי האדם. ואז יתן הודאה לה' ויהא שמח בחלקו, כי כמה עדיף הוא מהאחרים, אשר לו נתן ה' הרבה יותר מחבריו, הן בשלום ביתו ונחת מבנים ובני בנים וכו' וכו'. וכמו שביארנו (בפרשת חיי העעל"ט) מאמרם, המתפלל צריך שיתן עיניו למטה ולבו למעלה (יבמות קה:), דבשעה שעומד להתפלל, כדי שלא יבוא להתרעם על מצבו, יתן מתחלה עיניו על אותן האנשים העומדים במצבם למטה ממנו, ואז תהיה ראשית תפלתו בהודאה רבה על חלקו, ורק אחר זה יתן לבו למעלה ולבקש על צרכיו.

ולכן כדי שיוכלו רבי עקיבא ואשתו לעבור הימים הבאים עליהם, שהוא מוסר כעת עצמו לשנים רבות ללמוד תורה מתוך הדחק, ואשתו תשאר גלמודה בביתה, על כן שלחו לו מן השמים את אליהו בדמות אדם לבקש מהם קצת תבן, כדי להרגיל אותם לחיות בהשקפה זו, ראו כי יש עניים יותר מאתנו, ובהתבוננות זו יוכלו לעבור כל המצבים (ועיין עוד **בשמן ראש** על חג הפסח ח"א דף רמא).

מען האט אים יא געגעבן צו עסן. אבער וואס טוט עס אויף לויה, ווען ער וואלט אים שוין יא באגלייט די ד' אמות, וואס מאכט דאס שוין אויס. אין **מהרש"א** שטייט, אז עס איז א סגולה און א שמירה אויפן וועג. מיין טאטע ז"ל פלעגט אייביג מקפיד זיין אסאך מער אויף באגלייטען, ווי מקבל פנים זיין.

נאר ווען א מענטש גייט אויפן וועג, און ער קומט אן אין א שטאט, און מען נעמט אים שיין אויף, און ווען ער פארט אוועק, באגלייט מען אים ארויס, איז דער פשט אז מען איז אים מחשיב, מען קוקט אים אן. ווען עס קומט נאכדעם אונטערוועגענס, און ער האט א שונא, האט ער דעם קוראזש זיך צו שלאגען מיטן שונא. אבער טאמער ווען ער גייט ארויס פון שטאט, קוקט אים קיינער נישט אן, מען באגלייט אים נישט ארויס, גיי דיר געזונטערהייט, פארלירט ער די מוט אין לעבן. און ווען ער האט א פראבלעם אונטערוועגענס, האט ער נישט די כוחות הנפש זיך צו קענען מתגבר זיין. לויה איז סך הכל, געבן פאר יענעם א גוטע געפיל, און דאס העלפט אויך צו אז עס זאל נישט צוקומען צו א רציחה.

דער **רבינו יונה** (**שערי תשובה** שער ג' אות קמ"א) פרעגט, אז חז"ל (בבא מציעא נח:) זאגען, אז המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא, ווי אזוי קען דאס זיין. עס איז דאך נאר 'כאילו' הורג נפש, ווייל אזיל סומקא ואתי חיוורא, און ווען איינער הרג'ט דעם צווייטען, האט ער יא חלק לעולם הבא. זאגט ער דארט, ווייל עס פעלט אין די תשובה. ווען א מענטש הרג'ט א צווייטען האט ער באמת חרטה, אבער ווען א מענטש פארשעמט יענעם, טראכט ער, וואס האב איך דען געטון. איך האב געטראכט עס קען זיין פשוט פשט, ווען א מענטש הרג'ט יענעם האט ער אים גע'הרג'ט נאר אויפן עולם הזה, אבער ווען איינער פארשעמט יענעם, נעמט ער אים אוועק די מוט, ער שטייט שוין נישט אויף צו זמן קריאת שמע, ער שטייט שוין נישט אויף צום דאווענען, ער האט פארלוירן די גאנצע מוט אין לעבן, און גדול המחטיא את חבירו יותר מההורגו (רש"י דברים כג-ט). ווען א מענטש הרג'ט יענעם, האט ער אים גע'הרג'ט. אבער טאמער ער האט יענעם פארשעמט, חוץ פון וואס דו האסט אים גע'הרג'ט, האסטו אים אוועקגענומען א חלק פון זיין רוחניות, דאס דאווענען, און דאס לערנען. דו האסט אים צוקלאפט אינגאנצן.

**רבינו:** מען קען צוגעבן צו דעם א ווארט. ווען מען האט גע'הרג'ט יענעם, האט מען אים איינמאל גע'הרג'ט. אבער ווען מען האט אים מלבין געווען, שפירט ער עס אפאר מאל, טעג און וואכען שפעטער, ווען ער דערמאנט זיך דערפון. ער הרג'ט אים אפאר מאל, נישט נאר בשעת מעשה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** לחיים, דער באשעפער זאל העלפן אריכת ימים ושנים טובים, מען זאל קענען מרביץ תורה זיין.

**רבינו:** וכן למר, ברכה און הצלחה אין אלעם וואס מען טוט. מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, אלעס זאל גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** דער רב געפונט זיך דא, ומצודתו פרוסה בירושלים, נישט נאר אין ירושלים נאר אין די גאנצע וועלט.

**רבינו:** ווי לאנג בלייבט איר דא.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש:** איך פאר שוין אוועק מארגען צופרי.

**רבינו:** איך האב געוואלט צוריקגיין. אי"ה אויף א אנדערע געלעגנהייט.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"ש: רבי יענקעלע פון אנטווערפען זצ"ל** איז אמאל געווען אין אמעריקא, און ער איז געגאנגען באזוכען אלע רבנים. ער האט געהאט א גבאי משולם, און ער האט אים געפרעגט, צו ער גייט באזוכן דעם וויזשניצער רבי פון מאנסי. האט ער אים געזאגט, ניין. דעם לעצטן טאג פאר ער איז אוועקגעפארן, איז ער געפארן קיין מאנסי אים צו גיין באזוכען, נאכען באזוך פרעגט אים דער טאטע, ווען מען קען צוריק גיין, האט ער געזאגט, אז ער פארט שוין אהיים. ווען ער איז ארויס צו די קאר, זאגט ער פארן גבאי, ווען איך פאר ווען, ווען דו וואלסט געוואלט, וואלט איך מטריח געווען דעם וויזשניצער רבי ארייצוקומען אין שטאט. ביים וויזשניצער רבי איז יעדע רגע ביטול תורה א שאד, און איך וואלט געדארפט מטריח זיין א יוד אין די יארען, ארייינשלעפן קיין וויליאמסבורג, האט איך מיר אויסגערעכנט, אז איך גיי צו אים די לעצטע טאג, ווען ער וועט שוין נישט האבן קיין צייט צוריקצוקומען, ממילא נעם איך אים נישט אוועק קיין ביטול תורה.

**רבינו:** פון מיר וואלט איר נישט אוועקגענומען קיין ביטול תורה.

**וליוה רבינו שליט"א את האדמו"ר בדרך צאתו,**
**ונפרדו לשלום**

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בשמחת השבע ברכות של בת הר"ר **שרגא צבי** (בן הר"ר בן ציון שלום הי"ו) **שפיטץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אשר אנשיל איצקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן מחותנו **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א** חבר ביד"ץ טארטיקוב, עב"ג בת **הרה"ג רבי משה טייטלבוים שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד נעפלימיץ שליט"א), שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יעקב גראס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם בנימין פייג** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. ואצל החתונה של בן הר"ר **שמשון שווארץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם הערבסט** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יונה לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה דערציילט די תורה, אז יעקב האט ליב געהאט יוסף, וישראל אהב את יוסף מכל בניו, כי בן זקנים הוא לו (בראשית לז-ג). אין רש"י איז דא צוויי פשטים, איינס בן זקנים, ער איז געבוירן געווארן אויף דער עלטער, און צו א קינד וואס ווערט געבוירן אויף דער עלטער, איז דא מער אהבה ווי צו א קינד וואס איז געבוירן פריער. א צווייטע פשט זאגט רש"י, ער האט אים ליב געהאט וועגן די מעלות וואס ער האט געהאט, אז כל מה שלמד משם ועבר, האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף (ב"ר פד-ח). זקנים איז לויט דעם א לשון פון זה קנה חכמה, אזוי ווי די גמרא (קידושין לב:) דרשנ'ט אויף והדרת פני זקן (ויקרא יט-לב). ער איז געווען א בן זקנים, ער האט געהאט די מערסטע תורה פון אלע איבריגע קינדער. דער **בעל הטורים** זאגט, אז עס איז אויך מרומז אין בן זקני"ם, ווייל עס איז דא זעקס סדרים אין משניות, וואס איז מרומז אינעם פסוק (ישעיה לג-ו) והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת (שבת לא.), און זקני"ם איז די ראשי תיבות, ז'רעים, ק'דשים, נ'שים, און די יו"ד איז י'שועות, וואס איז אקעגן נזיקין, און מ'ועד. עס איז מרומז דא אין בן זקנים, אז ער האט אים איבערגעגעבן די גאנצע תורה.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת זצ"ל**, אז אין זקנים איז נאר דא פינף, עס פעלט טהרות. און עס איז דאך 'כל' מה שלמד משם ועבר האט ער אים איבערגעגעבן, פארוואס איז טהרות נישט נרמז אין בן זקנים. האט ער געזאגט א חסידיש ווארט, אז טהרות נעמט מען נישט איבער פון א טאטע, אויף טהרות דארף מען אליין הארעווען. די תורה קען מען איבערנעמען פון א צווייטען, אבער זיך אויסצוארבעטן אין טהרות, איז דא א רמז, אז דאס איז נישט פונעם טאטע, צו דעם דארף א מענטש אליין הארעווען, זיך מקדש צו זיין. עס קען זיין נאך א טעם פאר וואס עס איז נישט מרומז טהרות עקסטער, ווייל עס איז ממילא נכלל צוזאמען.

**רש"י** זאגט, אז כל מה שלמד משם ועבר האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף. יעקב איז דאך ביז די זיבן און זיבעציג יאר געזעסן אין בית המדרש פון שם ועבר. ער איז אלט געווען דריי און זעכציג יאר ביי די ברכות, און ער איז צוריקגעגאנגען אויף נאך פערצן יאר, זיבן און זיבעציג יאר איז ער געווען א איש תם יושב אהלים. האט ער דאך מקבל געווען תורה פון שם ועבר זיבעציג יאר. און יוסף איז אלט געווען זיבעצן יאר, און ער האט איבערגעגעבן פאר יוסף 'כל' מה שלמד. נישט א חלק פון וואס ער האט געלערנט, נאר אלעס וואס יעקב האט געלערנט ביי שם ועבר, האט יוסף קונה געווען אין אזא קורצע צייט. ווי אזוי איז מעגליך איבערצוגעבן תורה וואס א מענטש לערנט זיבעציג יאר, פאר א בחור פון זיבעצן יאר.

**נאר** עס איז נישט קיין קשיא, די גמרא (ברכות לב:) זאגט, מתוך שחסידים הם תורתם משתמרת, תורתם מתברכות (ירושלמי שם). זיי זענען געווען חסידים,

מען האט זיך געפירט ערליך, מען האט זיך געפירט בקדושה ובטהרה, האט מען זוכה געווען, אז עס איז געווען א ברכה אין די תורה. מען קען משיג זיין אין א קורצע צייט פון לערנען, אפילו אוצרות פון תורה. עס איז דא א ילקוט (שמואל קכו), אז ווען דוד המלך איז אנטלויפן פון שאול המלך, איז ער געווען איין נאכט ביי שמואל הנביא בנויות ברמה, און אין די איינע נאכט האט ער זוכה געווען מקבל צו זיין תורה פון שמואל, וואס א תלמיד ותיק איז נישט זוכה צו לערנען אין הונדערט יאר. עס איז די גרויסקייט פון דוד, און די גרויסקייט פון שמואל. די גרויסקייט פון דוד, אז דוד האט געקענט זיין א מקבל אין איין נאכט תורה פון הונדערט יאר. און די גרויסקייט פונעם רבי'ן, פון שמואל, אז ער האט געקענט איבערגעבן אין איין נאכט תורה פון הונדערט יאר. און שמואל אליין, איז אינגאנצן אלט געווען צוויי און פופציג יאר ווען ער איז אוועק פון די וועלט. איז נאך שמואל אליין אלט געווען דעמאלטס בשעת די מעשה בערך פופציג יאר. ווי האט ער אליין געהאט א תורה וואס א תלמיד ותיק דארף לערנען הונדערט יאר, ער איז דאך אינגאנצן נישט אלט געווען הונדערט יאר. איז דאך על כרחך מתוך שחסידים היו תורתן מתברכת, שמואל האט קונה געווען, און דוד האט קונה געווען אין א קורצע צייט, תורה וואס א תלמיד ותיק דארף לערנען הונדערט יאר, איז דאס דאך א סימן אויף קדושה. עס שטייט נאכדעם אין פסוק, והיה אמונת עתך חוסן ישועות חכמת ודעת, יראת ה' היא אוצרו. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא (שבת לא.), זאגט רש"י, יראת ה' היא אוצרו, דער אוצר אז מען זאל נישט פארגעסען תורה, איז תלוי אין יראת ה'.

**קומט** אויס, אז ווען מען זאגט אויף יוסף, אז ער איז א בן זקנים, אז ביי די זיבעצן יאר האט ער שוין געקענט אלע סדרים, איז א סימן אז עס איז געווען ביי אים טהרות אויך, ווייל אן טהרות וואלט ער נישט אנגעהויבן צו קענען זיין א בן זקנים. ווייל ער האט געהאט טהרות, וועגן דעם האט ער געקענט זוכה זיין מקבל צו זיין אזויפיל תורה אין אזא קורצע צייט.

**דער** אבי הבן האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, וואס דאס איז די התחלה פון קדושת התורה. אז מען זאל קענען זוכה זיין צו תורה, איז אלעס תלוי אין קדושת המילה. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה), **לא עשה כן** לכל גוי, ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), א גוי קען נישט משיג זיין תורה. זעהט מען דאך בפירוש, אז תורה האט צוטון מיט קדושה. ווילאנג מען איז נישט גע'מל'ט, איז נישט שייך קיין קדושת התורה, אז עס זאל קענען נקנה ווערן אינעם מענטש. און ווי גרעסער די קדושה איז, אלץ גרעסער איז די השגה נאכדעם אין די תורה.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה בערקאוויטש** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסדר קידושין אצל החופה של החתן **משה יוסף** נ"ו בן הרב **מרדכי נפתלי אייזנבאך** שליט"א (מגי"ש בת"ת בב"פ), עב"ג בת הר"ר **אברהם עביר איצקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת תנאים של בן הרב **שלמה זלמן** (בן הר"ר אהרן הערש הי"ו) **עלבאגען** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **נפתלי פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ליפשיץ.

בשעות הלילה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **אברהם האלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אשר איידליס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קאלוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם הענדלער** ע"ה

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור

החיים הק׳. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מנחם מאניש גליק** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק׳ בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **שמחה קארניאל** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **דוד יהודא פרישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת וישב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם פאלל** ני"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת וישב***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל באר מים חיים זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ז כסלו). בברכת המזון נתכבד **הרב אברהם ברוך באב"ד שליט"א נכד רבינו שליט"א**.

ביום השבת עלה **רבינו שליט"א** לעליית מפטיר, והתפלל תפלת מוסף לפני התיבה, לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה שחל בשבוע הבא.

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **בנימין טויבער** הי"ו (חתן הר"ר יצחק (ב"ר שלום) ווייס הי"ו), שהתקיים בבית המדרש שער אפרים.

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הרב **יחיאל מיכל פריעד** שליט"א (בן הרה"ג רבי עוזר פריעד שליט"א חתן הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל, וחתן הרה"ג רבי חנני׳ מאיר פאללאק שליט"א בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הגה"צ רבי אברהם ברוך זינגער שליט"א** אב"ד אלכסנדר, עב"ג בת **הרה"ג רבי בעריש ארנסטר שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש אלכסנדר (וומסב"ג). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.